Do Biblioteki Jagiellońskiej

Rad[omer-Kieltser] Leben 16 (253) Nałeż. pocztową uiszczono ryczałtem יאהרגאנג צעקסטער. גראשען 25 פרייז

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom 19 Kwietnia 1929 | אבאנעמענט פרייז: וואָך 40 גר., חודש 60 גר., לעצטע 25 גר. — 1 מ"מ | פרייטאג ט' ניסן תרפ"ט.


כשר לפסח כשר לפסח

קאנקורענץ!

ווײַן, מעד, י"ש, כרמל

די לאנג עגזיסטירענדע פירמע

ירמיה ראזנבערג

(וואלאווא 21)

איז פערזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואַהל פון פערשיידענע ווײַנען אויסלענדישע, און אינלענדישע, מעד, י"ש 96% ווי אויך כרמל-ווײַן און קאניאק.

די רעעלקייט און כשרות פון דער פירמע איז אלעמען בעקאנט. קויפט נור ביי

ירמיה ראזנבערג

וואלאווא 21



# אויף פסח

דער יום-טוב פון אונזער אַמאָליגער בעפרייאונג

קויפט נאר

דעם אויסגעצייכענטען

ארץ-ישראל'דיגען



„כרמל"-ווין

וועלכער סימבאָליזירט אונזער איצטיגע

אויפלעבונג.



Z intencji zaręczyn kolegi
Dawida Goldblita
z p. Sonią Kaufmanówną
życzę dużo szczęścia
i wiecznego zadowolenia.
I. Machtynger
Urzędnik Banku Ludowego
w Kielcach.



Z intencji zaręczyn p.
Feli Rutmanòwny
z p. F. Lengerem
serdecane życzenia składają
*Fiszmanowie*



די בעוויסטע לאנג-יעהריג עגזיסטירענדע פירמע

# ה. לאנדאו

וואלאווא 35

מאכט בעקאנט דעם ג. ראדאמער פובליקום, אז זי איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל

יום-טוב'דיגען ספירט 96-ער 45%.

ווי אויך פערשידענע סארטען

ווײַנען און מעהד

אלץ צו ביליגע פרייזען

קומט און איבערצייגט אייך!



Z intencji zaręczyn
Mietka
Wajnsztoka
z Bodzontyna
— z p. —
Genią
Rachemówną
z Kielce
życzę im różowej przyszłości i harmonji dusz.
Jakób
Szwarcberg
Bodzentyn.



כשר לפסח! כשר לפסח!

„GRONWIN"

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, דאס אונזער פירמע „Gronwin" געפינט זיך אצינד וואַרשאַווער גאס 30 אין 2-טן הויף

איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

ווײַנען און מעהדען כשר לפסח

מעסיגע פרייזען :—: רעעלע בעהאנדלונג :—: גוטע בעדינגונגען

פירמע

מיט אכטונג

„GRONWIN"

— KIELCE —



# בעקאנטמאכונג.

איך האב דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דאס ג. פובליקום אין ראדאם, אז איך בעזיץ דעם גרעסטען אויסוואהל

פון די נײַעסטע און מאדערנסטע מוסטערען פון יאהר 1929,

צו מאהלען צימערען.

איך גיב אויך-אן אלערליי אלעינע און צו לאקירען קאך-געשיר, ווי אויך מאדערנע קאכלען. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט רעעל און פינקטליך

ווענדט זיך צום מאליער שטעלמאן

געדענקט דעם אדרעס: וואלאווא 28, שטעלמאן.



אלע ווייסען, אז שמאלץ איז דער וויכטיגסטער פראדוקט אויף פסח.

דער בעסטער ראדאמער חירטינס בעזארגט אײַך בעצײַטענס מיט די בערימטע פסח'דיגע פוטערען

אגוז, שרוז, אמאדאר, מנורה

וועלכע פערטרעטען אין פולען זין פון וואָרט מיט זייער עכטקייט, געשמאק און בעטעמ'קייט, די בעסטע נאטירליכע שמאלצע מיט'ן אונטערשיעד וואס אונזערע פלאנצען-פוטערען זענען ביליגער. שפארזאמער און צוגענגליך פאר יעדען איינעם.

אויף די אלע פוטערען געפינט זיך א הכשר אויף פסח למהדרין מן המהדרין.

Generalne Przedstawicielstwo na całe Wojew. Kieleckie

מיט אכטונג

J. ZYLBER, RADOM

— DŁUGA 5 — tel. 580. —

כשר לפסח

פיהלען. ערשטענס די ערפינונג גוטא גאס איז אזוי שרעקליך טרויעריג, און איך דערפאר, האט די אקציע געדנומען זיך אין א זעהר גרויסען מאס־שטאב און כדי זי צו רעאליזירען און דורכצופיהרען איז נויטיג אומגעהויערע סומע פון געלד־קאפיטאל.

אונזער שטאט בריך דאס פיהלען. ווייל יעדער זעהט בחוש ווי די לאגע זעהט אויס, און יעדער טראכט ביי זיך בעתים. אז עזרה האט היינט א שווער שטיקל ארבייט. פון דעסט וועגן מיר פיהלען אבער, אז די דער נויטה ווינציג פארלייכטערט וועדען די ארבייט און דערויבער איז יעדער איינער מחויב בעטען אנ׳אנטייל אין דער גראנדיעזער פסח־אקציע פון „עזרה". עס טאר קיינער נישט פעהלען, אחד המרבה ואחד הממעיט. אמת, די צייט איז שלעכט, אבער ס׳טאר נישט זיין קיין תירוץ. העלפען דעם ארימען ברודער, דאס איז א הייליגער חוב, וואס יעדער איינער מוז עס, לויט זיינע כחות, ערפילען.

די צייט איז קורץ און ארבייט איז דא א סך. ביז פסח איז געבליבען בא־צאהלטע טעג און דער קליינער קריין מענשען, וואס פיהרען אן מיט נדיבה שטעהען אין זאמע מיטען גרען און שווערע, געשפאנטע ארבייט. יעדער ראדאמער יוד איז מחויב זיי צו העל־פען מיט ראט און טהאט און אנטקע־געקומען מיט פינאנס און מאטעריעלע אונטערשטיצונג. אז די פאר געצעהלטע עזרה־טוער וועלען נישט פאלען פון מויה און אפשטעהען פון דער ארבייט.

זאל יעדער ראדאמער יוד געדענקען, אז טויזענדער ארימע יודישע פאמיל־יעס שטעהען פאר בינשטענדליך צו הונגערען און צו פייניגען זיך אין נויט וועהרענד 8 טאג פסח, אויב עזרה זאל זיי נישט בעזארגען.

קיין איין ראדאמער יוד טאר זיך פריהער נישט זעצען צום סדר, ביז ער האט זיך אליין נישט פרעגען, צי ער האט זיך בעטייליגט פאר עזרה און צי ער האט געטאן מיט עפעס בעהאלפען בעזארגען זיין ארימען, אומגליקליכען ברודער.

ב. צווייג.


## אויף פסח הבע"ל!

עכטע! : טהוען מיר אייך עמפפעהלען דעם פון לאנגע יאהרען בעקאנטען און זעהר פיינעם : עכטע! פסח׳דיגען פסח׳דיגען

# פראנקק = קאפעע = צוזאטץ

איז קיסטעל און אויך אין רונדע פאקונג

ער איזט ערצייגט בהכשר גמור אונטער איפזיכט פון הרה״ג מו״ה יעקב פרענקעל תאומים שליט״א אבר״ק פאדגורשע והגליל וחתנו הרהמאה״ג וכו׳ מו״ה חיים קאנער שליט״א ובנו התריף וכו׳ מ׳ יחזקאל פרענקעל תאומים שליט״א.

דער גרינער שטעמפען אויף די פעקלעך, בעווייזט דעם כשר לחג הפסח און די פיינהייט דיעזער וואר.

HENRYKA FRANCKA SYNOWIE
Fabryka Środków Kawowych S. A.
SKAWINA-KRAKÓW.


# וואו נעמט מען א פערפלייצונג?...

## מאנאלאג פון א ראדאמער סוחר.

וואס־זשע, האבען מיר היינטיגעס יאהר הייסט עס נישט קיין פערפלייצונג טאקע נישט? אבי איך האב שוין צוליב דער פערפלייצונג געהאלט לאזען מיינע וועקסלען צום פראטעסט, אט אזוי ווי איך האב נישט געצאהלט מיינע פריי־ערדיגע וועקסלען צוליב די פרעסס.

ווארום זאגט אייך וואס איהר ווילט, עס איז פארט אזוי, אז גאט אליין העלפט פארט צו אזא מענש ווי איך בין: רעגענט צאל איך נישט מיינע וועקסלען צוליב׳ן רעגען; איז הייס צאהל איך נישט צוליב דער היץ; איז ווידער קאלט צאל איך נישט צוליב די פרעסט; אז הידער א פערפלייצונג, דארף איך דאך אודאי נישט צאהלען. הכלל מיט איין ווארט ס׳דארף נאר זיין דער פאסיגער תירוץ און יוצא. ווארום פון וואנען האב איך דען יא צו צאלען מיינע וועקסלען?

נאר מיט די וועקסלען איז גאך א האלבע צרה!

דאס ערגסטע זעהט איהר אין מיט די אנגנע בעלי־חובות, וועלכע האבען מיר געבערגט „נא ולקחת".

אט די דאזיגע זענען אזעלכע גודני־קעס פון פאסקודניאקעס, אז ווי איך זאל זיך נישט א דרעה טון, האב איך די שטענדיג נעבען זיך; אין גאס צי אין שטוב, אינדערפריה צי ביי נאכט, ביים עסען צי ביים שלאפען געהן, או־מעטום זענען די דא און זיי גודזשען מיך, רק איך זאל באצאהלען.

נס העלפט נישט דאס בעהאלטען זיך. דאס אפלייגען פון היינט אויף מארגען, פון מארגען אויף איבערמארגען. זיי טענה׳ן כסדר איינס: איך זאל באצאהלען.

אבער פון וואנעט זאל איך נעמען אומעטום און שטענדיג נאר גיב און צאהל! מאכט די רעגירונג א מיליאר־דען־בודזשעט. נעמען זיך די שטייער אמטען גלייך צו זייער מלאכה און מען מעסט מיר אויס אנ׳„אבראט" פון כך וכך אלפים, „דאכאד" אויסגערעכענט אויף דער האר, און אויף דער קאנטע טוען זיך צו מיר א לאז די פארשוינד־לעך מיט די טעקעס און מ׳הייסט צא־לען. מאכט די גמינע א בודזשעט, רעכענט מען פריהער אויס אלע הוצאות אויפ׳ן ברייטען שטייגער און דערנאך נעמט מען זיך צו דער הכנסה—צו דעם טאטא און ווידער בין איך דאס כפרה־הינדעל; אין מאגיסטראט איז אויך דאס זעלבע, חוץ אלע אנדערע אינסטיטוצ־יעס מיט גלאט פערשידענע געלד־זאמ־לונגען און „רינגען".

פון אומעטום שיקט מען ארויס צו מיר „פשיעמנע" טעקע־פארשוינדלעך, וואס מיר האבען זיי אין ראדאם אין די צענדליגער און די אלע לויערען און אטאקירען מיין קעשענע, זיי פערלאנגען, פאדערען און סטראשען מיר, אז איך זאל זיי דוקא געבען געלד.

אדרבה, זאגט מיר פון וואנעט?

פון די היינטיגע גאלדענע געשעפ־טען מיינע? פון די עטליכע איינגע־שרומפענע, אויסגעטאגערטע פאליצעס מיינע? נו יא, פ רעדט זיך נאר אזוי „מיינע" און חוץ דעם חיל קאן איך האבען צו געבען אזוי פיעל געלד, אז סך־הכל פאלט אויס עפעס אנכער א הונדערט זלאטעס אויף איין פוילישען בירגער. טא ווי אזוי קען פון די הע־כער הונדערט זלאטעס ווערען אויס עטליכע טויזענדער?...

הכלל ס׳איז שלעכט. ביטער ווי גאל, און דא איז קיין פערפלייצונג אויך נישטא מיט וואס אפצופטרן די אלע טעקע פארשוינדלעך מיט די וועקסעל בעלי דברים מיט די אפענע בעלי־חובות.

ווענען א גמילות חסד איז דאך שוין אגגערעדט, אזעלכעס איז שוין לאנג נישטא וואו צו קריגען און דא פונקט אויף צו להכעיס, האבען זיך די אלע בעלי דברים א נעם געטון צו מיר, אלע ווילען, אלע פאדערען פון מיר געלד. פונקט ווי איך וואלט בעגליקט געווא־רען, אדער זי „באנק פאלסקי" איז פלוצים געווארען מיינע און ווי אויף צופיקעניש זאלט איהר זאגן, אז מ׳זאל זעהן א קינה פאר די אויגען, אז מ׳זאל כאטש אנקוקען א גראשען פדיון, איז וואס־זשע טוט מענז וואס פאר אנ׳עצה

גיט מען זיך?

יא, דאס בעסטע מיטעל און די בעס־טע עצה וואלט בלי ספק געווען א פערפלייצונג. אט אזוי וואס זאל פער־פלייצען אלץ מיטאנאנדער; וואס זאל אפשווענקען אלע זארגען, צרות, קאפ־דרעהענישען, מות־שפאלטענישען, נער־ווען־צעשרויפעניש, בויך־גרימעניש און הארץ־פלאצעניש. ווי דאס ליבען וואלט מען געדארפט האבען אזא פערפלייצונג, ס'וואלט געראטעוועט מיך און טויזענד־טער צעהנדליגער טויזענדטער צו מ'ר.

און וואו־זשע נעמט מען אבער א פערפלייצונג?

מ. מא — ן.

# אין פוילן — א רב, אין אמעריקע — אנ'אייגענטימער פון א שאנד־הויז.

(פון אונזער קארעספאנדענט.)

ס'ווערט אפשר קלינגען ווי א לעגענ־דע, אבער עס איז פארט אמת! דאס האט פאסירט אין שטעדטעל קאמינקע, ביי סקידעל:

בעת דער אלטער, פון אלעמען גע־שעצטער און בעליבטער רב ר' יצחק ז"ל איז נפטר געווארען, האט ער אי־בערגעלאזען אין צרות און ליידען זיין פרוי, דער רביצין מרת רעלע, וועלכע האט געקענט לערנען תורה מעהרער פון אנדערע מאנסבילען, און אויך צוויי טעכטער: חוה און חיה.

אין די ביידע שוועסטער האבען זיך אפגעשפיגעלט די צוויי גוט בעקאנטע ביבלישע טיפען רחל און לאה. חיה, די עלטערע, איז געווען שוואך. צו־בראכען, שטענדיג געהאט צאהן־ווייטאג און גילען אין האלדז, געהוסט און גענעטצט ועל־כלם — עיניה רפות... די יינגערע חוה — א בילד־שענהייט, די „ביס" פון שטעדטעל.

און אט פאר דער עלטערער „קראנ־קאוויצע" האט דאס שטעדטעל געוואלט קריגען א מוסמך, בכדי ער זאל זיין א ממלא מקום הנפטר, זכרונו לברכה.

באלד האט זיך אויסגעפונען א פאס־סענדער שידוך: אין זשאלודאק איז געווען א פרוש מיט'ן נאמען ר' שמואל הורוויטש. ער האט זיך געפונען דארט א יאהר צייט און איז געווען בעליבט ביי אלעמען, ווייל ער פלעגט לערנען פאר'ן עולם יעדען פארנאכט, זאגען מוסר אין בעזיסען זיינע דרשות מיט משלים און וויצען, ווי דער עולם האט ליב. אט דער פרוש איז רעקאמענדירט געווארען אויפ'ן קאמינקער כסא־הרבנות.

מ'האט זיך געזעהן — געפעהלען געווארען איינס די אנדערע. ער האט געזאגט א פלאט ומרא. געהאלטען א ירשה און דער עולם האט זיך געספא־קעוועט — בעסער ווי גוט. אזוי ארום איז ער געווארען מוכתר בעטרת הרבנות...

אין א קורצע צייט ארום האט די ארימע רביצין, די אלמנה, אנגעהויבען צו פורמלען אויף איהר איידים, דעם נייעם רב. זי האט געזאגט, אז ער ווארפט אויגען אויף דער יונגערער טאכטער חוה און פיהרט זיך בכלל נישט אויף מעשה רב...

דאס שטעדטעל האט הערענדיג די דאזיגע טענות איהרע, נאר צוגעשמיי־כעלט און געמאכט איהר: פאר א משו־גענער...! דער סוף איז געווען, אז צו איהר אייביגער רוה האט מען איהר בעגלייט אויך ווי א משוגענער.

ס'זענען אנגעקומען די דייטשען. פארן רב האט זיך אנגעהויבען א נייע עפאכע. ער האט זיך גענומען בילדען, זיך לערנען דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. אין איהם האט זיך דער־וועקט דער אמאליגער מורד פון דער ישיבה, פון וועלכער ער איז ארויסגע־טריבען געווארען פאר זיינע מחשבות זרות און פאר זיינע אפיקורסישע ביכ־לעך, וואס זענען ביי איהם געפונען געווארען.

דאס שטעדטעל האט געוואוסט פון דעם און געשוויגען. מ'האט אפילו איינ־מאל באמערקט, ווי ער זיצט אין בית־מדרש איבערגעדעקט מיט'ן טלית און לייענט א פראנצויזישען ביכעל. ארום זיין משוגה'דיגער אויפפיהרונג האבען זיך געטראגען פון מויל צו מויל פער־שידענע מעשיות.

אין א קורצע צייט ארום טרעפט זיך אזא פאל: ס'זענען געקומען ארטיסטען אין קאמינקע און אזוי ווי אין שטעטעל איז קיין טעאטער נישטא האבען זיי זיך געווענדעט צום רב אז ער זאל זיי ערלויבען די אלטע שוהל צו שפילען דארטען און ער וועט דערפאר קריגען פאר ערימעליים 50 פראצענט. דער רב האט אויף דעם איינגעשטימט אהן דער הסכמה פון שטעדטעל. און איידער מ'האט זיך דערוואוסט איז שוין די בימה געווען צונומען דער ארון קודש — צוגעגרייט און — פארטיג א סצענע!

אזא חלול הקודש האבען שוין זי־עלטערע בעלי־בתים נישט געקענט פאר־טראגען. סטייטש, אין א שוהל—טעאטער ואו איז דאס געזעהן געווארען! ס'איז געווארען א ויצעקו, מ'איז אוועק צום רב און מ'האט אנגעהויבען צו פראָ־טעסטירען. עס איז אזוי ווייט דערגאנ־גען, אז איינער פון די חשובע בעלי־בתים, דער ראש־המדברים ה' א. יע־זערסקי האט פאר זיין „העזה" בעקו־מען פון רב א פאר פייערדיגע פעטש. אויסגעפיהרט אבער האבען די בעלי־בתים און די ארטיסטען האבען נישט געשפילט.

אזא נבלה מצד זייער רב האט דאס שטעדטעל איהם נישט געקאנט מוחל זיין און מ'האט נאר געווארט אויפ'ן מאמענט ווען מען וועט פון איהם פון איהם פטור ווערען. צו אלעמענס שמחה איז באלד בעוואוסט געווארען אז דער רב פארט אפ קיין אמעריקע, און דאס שטעדטעל האט פרייער אפגע־אטעמט.

פון אמעריקע אבער האט מען פון איהם געהערט אויך נישט קיין שיינע גרוסען. די ערשטע צייט איז ער אפילו געווען רב אין א חברה „עין־יעקב"; אפגעדרוקט זיין ספר „לב רגש" (א זאמלונג פון דרשות אויף אלע ימים־טובים, ווי אויך געדאנקען וועגען דער וועלט־מלחמה); דערנאך איז בעוואוסט געווארען, אז זיין פרוי איז פלוצלינג געשטארבען. די קאמינקער לאנדסלייט האבען איבערגעגעבען, אז זי איז גע־שטארבען נישט מיט קיין נאטירליכען טויט...

איצט זענען אנגעקומען בריוו פון די קאמינקער לאנדסלייט, אז זייער געווע־זענער רב האט אינגאנצען ארפגע־ווארפען פון זיך די בושה: ער האט אפגעגאלט די בארד. אויסגעטאן די קאפאטע און געווארען — אנ'אייגענטי־מער פון א שאנד־הויז...

מ. ל. יש. קאסאחסקי

*Parowa Farbiarnia i Pralnia Chemiczna*

## O. R. HEMPEL

**w RADOMIU** Egzystująca od roku 1880

przy Ul. STARE MIASTO № 5, telefon № 521.

**SKLEPY:**

przy ul. **Żeromskiego № 37, telefon № 520** (dawniej Lubelska)

„ **Stare Miasto № 2,** „ **№ 521.**

Poleca się na sezon wiosenny łaskawej pamięci Szanownej Publiczności.

**Robota Solidna i punktualna**

**Ceny umiarkowane**

## בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט די ראדאמער יודישע בעפעלקערונג, דאס אין מיין געשעפט וועט מען בעקומען אזוי ווי אלע יאהר אויך אויף דעם קינפטיגען פסח מצות, פערפעל ווי אויך מצה־מעהל אין זעקעלעך פיין געפאקט און פלאמבירט פון די בעזיסטע מעכאנישע מצות פון מ. בלימאן און זוהן אויף פאבריטשנע פרייזען.

איך פערהאף דאס די געעהרטע קליענטעלע וועט מיר שענקען זייער צוטרוי.

מיט בעשטעלונגען קאן מען זיך ווענדען פון זונטאג דעם 7/4 יעדען טאג ביי מיר אין געשעפט לובלינער 3 אין פראנט.

בעמערקונג: פאר צוקער און מאגען־ליידענדע פערשידענע געבעקסען.

מיט אכטונג

**אבא האר ראדאם**

**לובלינער 3**

## קינא „NOWE CZARY

### פון היינט און יעדען טאג

ווערט דעמאנסטרירט מיט גרויס ערפאלג דער פילם

# „דער שטורם איבער אזיע"
# BURZA NAD AZJĄ

וועלכער איז אנערקענט, אלס דער בעסטער וועלט - פילם

אויסער דעם דעמאנסטרירט מען פון דאנערשטאג
א סענסאציאנעל בילד מיט טאם מיקס
ZDRADZIECKA KULA

---

די דירעקציע פון גימנאזיום
## „פשיאטשול וויעדזי"
(מיט רעגירונג'ס־רעכט)

מאכט בעקאנט, אז די ביטעס פון נייע ארײַנטרעטענדע שילער יוגענט שקוזאמענס, דורכגעפיהרט מיט'ן לעקציאנס־סיסטעם (במשך פון מאי—טשערוויעץ) אין אלע קלאסען, אויסער די VI און VIII, נעהמט אן די קאנצעלאריע פונ'ם גימנאזיום טעגליך אין די אמט־שעה'ן ביז דעם 12־טען מאי איינשליסליך.

דירעקטאר פון גימנאזיום
**אינזשיניער רוסאק.**

---

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם.

מאנטאג דעם 29־טן אפריל ד. י. 8 30 אוונד קומט פאר
דער 10-יעהריגער
## יובילעאום־קאנצערט
פון די שילער און שילערינס פון דער איינציגער אין ראדאם בעשטעטיגטע פון מיניסטעריום מוזיק־שולע אונטער דער לייטונג פון ה' **פ. גיכער**

עס נעמען אנטייל:
שול־ארקעסטער, קוארטעט, סאלא, פארטעפיאן און סיפעל.

די גאנצע הכנסה פון אויבענדערמאנטען קאנצערט איז לטובת די „ברידערליכע הילף" ביי דער מוזיק־שולע.

---

## מכירת חמץ
אזוי ווי אלע יאהר אזוי אויך היי־יאהר ועט ווערען געמאכט
## שטר מכירת חמץ
אצל הרב המנוח ר' **מנחם מענדיל** ז"ל מו"ץ דפה
לובלינער 3
דורך א געוויסען **בעל הוראה.**

---

## בעקאנטמאכונג.
מיר האבען דעם כבוד בעקאנט צו מאכען דאס אונזער פוטער־געשעפט
## י. מ. ווערבער מיט זעהנע
ראדאם, לובלינער 14 (פראנט)
בעזיצט צום זומער־סעזאן א גרויסען אויסוואל פון פערשידענע לעטני פוטערס ווי:
קרעטען, ליסען, **מענער** — און — **קינדער־היטען**
ווי אויך פערשידענע **גומי־מאנטלען** אינלענדישע און אויסלענדישע
צו מעסיגע פרייזען.

---

## ביקאנטמאכונג.
איך האב דעם כבוד בעקאנט צו מאכען אז ביי מיר איז צו בעקימען מאקאראנען, לעקעך, טארטען, ווישקאפקען און אויך פערשידענע געבעקסען על חג הפסח מיט'ן הכשר פון היגען רב יחיאל קעסטענבערג שליטא
מיט אכטונג
## ברוך גלעזער
לובלינער 7 (אין הויף לינקס)

---

## צוויי זאכען דארפט איהר וויסען:
1) אז דאנערשטאג דעם 25־טען קוויעטשען איז פסח
2) אז — דער שענסטער, בעסטער, מאדערנסטער **קאפעלוש,** בעקימט איהר אין די פאבריק לובלינער 5,
ווייל מען רעכענט זיך מיט די שלעכטע צייט. און מיט אייער טאש, איך קלויב אייך צו א קאליר צו אייער געזוכט, און אנצוג, פרייזען ביליגע.
מיין פאבריק ווערט געשטורמט פון קונים.
„Amerycan"
גוטמאן, לובלינער 5.

---



Każda kobieta powinna mieć starannie dobrane perfumy, których subtelna woń odpowiadać będzie jej urodzie - będzie tą urodę potęgować i stwarzać zainteresowanie i ogólną zazdrość.

Perfumy o cudnych i subtelnych zapachach dostać można w Składzie Aptecznym F. Łęgodzińskiego w RADOMIU, ul. 3-go Maja Nr. 1.

## דער בוי-אפערע איז כעלם.

דער טומעל ארום דער בוי-ארבייט פון די געביידעס פאר דער באהן-דירעקציע, וועלכע ווערט אהין איבערגעטראגען פון ראדאם.

אין כעלם טומעלט זיך איצט מיט א בוי-אפערע. די צענדלינגער געביידעס, וועלכע זענען אויפגעבויט געווארען פאר דער באהן-דירעקציע האלטען ביים איינפאלען און דער שאדען זאל בע-טרעפען מיליאנען. אין צוזאמענהאנג מיט דעם אליארם האבען די מאסגע-בענדע פאקטארען שוין זיך פעראינטע-רעסירט מיט'ן ענין און ס'איז בעשלא-סען געווארען ארויסצושיקען קיין כעלם א מיניסטעריאלע קאמיסיע, אין וועל-כער עס זאלען אריינגעהן אויך פאכ-מענער אחוץ די מיניסטעריאלע בעאמ-טע, דערינטער אויך פראפעסארען פון ווארשאווער פאליטעכניקום.

א חוץ דעם האט אויך די לובלינער פראקוראטור זיך פעראינטערעסירט מיט דער אפערע און צוגעטרעטען צו אנ'-אויספארשונג.

ווי מען גיט איבער, איז דער אויס-זעהן פון די געביידעס אזעלכער, גלייך ווי אין כעלם וואלט פארגעקומען א ערד-ציטערניש. די מויערען—געפלאצט אין דער לענג און אין דער ברייט. די לאגע איז אזעלכע, אז די געביידעס וועלען מוזען פולשטענדיג פונאנדערגע-נומען ווערען און זיי דערנאך צוריק אויפשטעלען. דאס וועט פעררוטעהט זיך פערארזאכען, אז די ראדאמער באהן-דירעקציע וועט ערשט אין א שפעטערען טערמין איבערגעטראגען ווערען קיין כעלם.

## דער פערבאט צו פערקויפען אלקא-האל אין דער צייט פון פאבאר.

פון ה' סטאראסטא האבען מיר בע-קומען פאלגענדען קאמוניקאט מיט דער ביטע איהם צו פערעפענטליכען אין אונזער ציימונג:

אויפ'ן יסוד פון ארט. 7 פון געזעץ דעם 23 קוויעטניע 1920 י. בכדי צו דערהאלטען די ארדנונג און די עפענ-טליכע רוה, פערווער איך דעם פער-קויף, אדער צו עטיילען אלקאהאל-געטראנקען, וועלכע ענטהאלטען מעהר ווי $2,5^0/_0$ אלקאהאל, אויפן שטח פון ראדאם און דעם גאנצען פאוויאט פון נאך 10 אזייגער. אין טאג ווען די פאבאר-קאמיסיעס אמטירען—פון 4 נ. מ.

די וואכ וועלען איבערשרייטען דעם פערבאט וועלען אונטערליגען, אויפן אדמיניסטראטיווען וועג, א הארבע שטראף ביז 200 זל. אדער ארעסט ביז א מאנאט. אין פאל פון איבער'חזר'ען זיך 1000 ז. אדער ארעסט ביז דריי מא-נאטען.

די געלד-שטראף און דער ארעסט קאנען ארויפגעלעגט ווערען צוזאמען. אויסער דעם קאנען צוריקגעצויגען ווע-רען די קאנצעסיעס, לויט וועלכע ס'איז ערלויבט צו פיהרען דעם האנדעל מיט אלקאהאל-משקאות.

די איצטיגע פעראדנונג פערפליכ-טעט אויף דער צייט, ווי לאנג דער פאבאר פון יאהרגאנג 1908 וועט געדוי-ערען ד. ה. אנהויבענדיג פון 1-טען מאי ביז'ן 16-טען טשערוויעץ 1929 איינשליסליך.

סטאראסטא גולינסקי.

ראדאם דעם 19/4 1929.


פיעל גליק און צופרידענהייט
ווינשען מיר אונזער זוהן און ברודער
דוד צו זיין פערלאבונג
מיט פר׳ל סאניא קויפמאן
עלטערן, ברידער'ן
קעלץ. און שוועסטער'ן.

צו דער פערלאבונג
פון ה׳ דוד גאלדבלים
מיט פר׳ל סאניא קויפמאן
ווינשען מיר די עלטערן א הערצליכען מזל-טוב און יעם פערלאבטען פאר פיעל גליק.
דוד יחיאל לעווענבערג און פרוי.
קעלץ.

Dawidowi
z intencji Jego zaręczyn z p.
Sonią Kaufmanówną
dużo szczęścia życzą
Maks, Mania i Natan.
Kielce.

Najserdeczniejsze życzenia
z intencji zaręczyn p.
Geni Rachem
z p. M. Wajnsztokiem
składają
Tenenwurclowie
Kielce. z rodziną.

Z intencji zaręczyn kolegi
Mietka Wajnsztoka
— z p. —
Genią Rachemówną
życzą wiecznego szczęścia
i zadowolenia.
Kielce. M. Ickowicz.







גוטע און ביליגע געטראנקען
על חג הפסח
קאן מען נאר בעקומען אין דער לאנג - יעהריגע, עקזיסטירענדע פירמע
נ. גאטליעב ראדאם, ווארשאווער 2
וואס איז פערזעהן אויפ'ן הייגטיגען יום-טוב מיט א זעלטען גוטען אויסוואהל פון די פערשידענסטע ווייגען, מעהד, פון אלע פירמעס, ווי אויך כרמל-וויין און ליקער.
די פירמע בעזיצט יום-טוב'דיגען שפירט
פון די פאבריקען: אייכענבוים, זילבער און פלובאמיל מיט'ן לייבעלע.
מיט אכטונג נתן גאטליעב
ראדאם, ווארשאווסקא 2

טעאטער „פאלסקי" קעלץ
פעראייניגטע יודישע טרופע אונטער דער לייטונג פון ה' לייב ווינער
שבת 3 א זייגער נאכמיטאג
ווערט געשפילט די בעריהמטע ערפאלגרייכע אפערעטע א. ג.
דער גרויסער סוד
מיט'ן אנטייל פון גאנצען אנסאמבל
די הויפט-ראלען ווערען געשפילט דורך די פ"פ קרוק, לאקס און זאבעלסקא און די ה"ה ווינער, קרוק, קאהן א. א.
בילעטען צו בעקומען פון 10 פריה ביי דער קאסע פון טעאטער.

בעקאנטמאכונג.
וועלענדיג אנטקעגענקומען די יודישע בעפעלקערונג פון ראדאם און אומגעגענד, אום צו בעזארגען זיך מיט וויין און מעהד כשר לחג הפסח האבען מיר בעשלאסען צו פערקויפען אין אונזער פאבריק פון וויין „ווינראד" לובעלסקא 12 (אין הויף.) און אין אונזער געשעפט וואהל 1 אויף דעטייל אלס רעקלאמע:
1 ליטער וויין—2.50, 1 גרויסע פלאש וויין—1.50, 1 ליטער מעהד—3.00 1 גרויסע פלאש מעהד—1.75
אונזער געשעפט איז אויך פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל אונגאר-וויין, כרמל-וויין און אויך שפירט כשר לחג הפסח פון פאבריקען: אייכענבוים, זילבער, לובאמיל, בהכשר אדמורים מגור. אלץ צו ביליגע פרייזען. דעדי-בער איילט וואס פריהער אין אונזער פאבריק לוב. 12, אין געשעפט וואהל 1
מיט אכטונג
י. שטאטווינער ראדאם
לובלינער 12 (אין הויף רעכט'ס) און וואהל 1 פראנט


די פערוואלטונג פון די קעלצער אידישע גימנאזיע
דריקט אויס א טיעפען מיטגעפיהל דעם מיטגליד פון דער פערוואלטונג
ה' שמואל לייכטער
צוליב'ן טויט פון זיין ליעבען זוהן י פרץ נ. ע.
אין זיין טרייע און איבערגעגעבענע ארבייט לטובת די יודישע גימנאזיע
זאל ער א טרייסט געפונען.
די פערוואלטונג פון די יודישע גימנאזיע אין קעלץ.

זייט געטרייסט פריינד שמואל לייכטער און פרוי
צוליב'ן גרויסען אומגליק וואס האט אייך געטראפען מיט'ן טויט פון אייער זוהן פרץ
אין אייער ווייטערדיגען לעבען זאל איהר א טרייסט געפונען.
קיעלץ. זיסמאן און באלטשע דזיאדעק.

# חמץ פערקויפען

קאן מען ביי

# הרב ישעי' זלאטניק

קאשאראווא 4.

---

די נייע פאראווע פארבעריי און חעמישע פראלניא

פון י. ציכנער

נעמט אן צו פארבען, צו וואשען און צו פוצען אויף א חעמישען אופן מענער און דאמען-גארדעראָבעס חי אויך גארניטורען, קאָסטיומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס ווי אויך אלערליי פוטערווארג דאָס אלעס ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך, סאליד און ביי צוגענגליכע פרייזען.

## י. ציכנער

ראדאם, שפאציער-גאס 21

---

# בשורה טובה!!!

ווריין אויף ארבע כוסות

דאמיט האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאָם און אומגעגענד, דאָס ביי מיר אין געשעפט רינעק № 14 וועט מען אויף דעם קומענדען פסח בעקומען אלע סארטען ווי י ן פון דער בעריסטער ווײַן-פאבריק שײַנפעלד ראדאָם אלעס אויף די זעלבע פרייזען וואָס ביי ה' שײנפעלד. ווער ס וויל אליין האָבען א פרייליכען יו"ט און האָבען כשר'ן, גוטען און ביליגן ווײַן, זאל זיך איילען און קומען וואָס פריער.

מיט אכטונג

## ר. קופערמאַן

ראדאָם, רינעק 14

קומט

און איבערצייגט אײַך!

---

געז. „לינת-הצדק" אין ראדאָם.

טעאטער „ראזמאַיטאָשטשי" :-::-: נור 2 פאָרשטעלונגען

שבת דעם 27 אפריל ד. י. ערשטער טאָג חוה"מ 9 אָוענד ווערט געשפילט די בעליבטע מעלאָדראמע אין 4 אַקטען פון רייזעלמאַן

## צוריק פון קאטארגע

אין 3 אַקטען א גרויסער קאבארעט מיט געזאַנג און טענץ.

זונטאג דעם 28 אפריל ד. י. 2-טען טאָג חוה"מ 9 אווענד ווערט געשפילט די איבעראַל בעקאנטע דראמע אין 4 אַקטען פון זלאַטאָראָווסקי

## די שטיף-מאַמע

בעמערקונג: מענשען מיט שוואכע נערווען ווערען געבעטען נישט צוקומען. די ריינע הכנסה איז בעשטימט לטובת ארימע-קראנקע, וועלכע זענען אונטער די איפזיכט פון דער היגער געזעלשאפט „לינת-הצדק" אין ראדאָם. ::—:: בילעטען פריהער צו בעקומען ביי ה' צוויגענהאַפט לובלינער 9 אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג ביי דער קאסע פון טעאטער.

רעזש. ס. גלאטשטיין מוזיק אונטער דער לייטונג פון ה' הײנשטאָק.

---

די פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט צו פערהיטען דאָס געזונט פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פוילען „טאז" — אָבטיילונג — אין ראדאָם.

מאַכט בעקאנט, דאָס דעם 4-טען מאַי ה. י. 9 זייגער אָוענד אין לאָקאַל פון „טאָז". דלוגא 24, קומט פאָר

## די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון דער געזעלש.

טאָגעסאָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון פרעזידיום 3) אלגעמיינער בעריכט פון דער פערוואלטונג, 4) קאַסע-בעריכט, 5) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס קאמיסיע, 6) פלאַן פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט, 7) וואהלען פון פערוואלטונגס-מיטגלידער, רעוויזיאָנס-קאָמיסיע און 1 דעלעגאט אויפ'ן טאָז-צוזאמענפאָהר, 8) פרייע פאָרשלאגען.

בעמערקונג: אין פאל, ווען אויף די אלגעמיינע פערזאמלונג וועלען נישט קומען די נויטיגע, לויטן סטאַטוט, צאָל מיטגלידער, וועט די פערזאמלונג פאָרקומען דעם זעלבען טאָג, 9 א זייגער אָוענד, און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָהל אנוועזענדע מיטגלידער. (פאַר. 19 און 20 פון סטאַטוט).

---

*Kino „CORSO" Teatr*

Od 15 kwietnia i dni następ.

Wielki dramat erotyczny

p. t.

# S Z A Ł

**(Kobieta Wampir)**

---

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

פון מאָנטאג דעם 15 ד.מ. און ווייטער

# BURZA NAD AZJĄ

POTOMEK CZINGIS-CHANA

---

*Kino „ODEON" Teatr*

**Od 15 KWIETNIA**

Dziś i dni następnych

# Zakazana KOBIETA

W roli głównej: **Jetta Goudal**

---




do nabycia u przedstawiciela w firm.

## SENDER KANAR

**Kielce Duża 9.**

---

צו אלע וואָס האָבען זיך אינטערעסירט וועגען היגען „בית יעקב" ביי „פועלי אגודת ישראל" אויך די ג' זאמלערס פאר'ן ב"י וואָלט גלייך געווען ואלען זיך אינטערעסירען חי דאָס געלד איז אויך איז נויטיג זיך אינטערעסירען וועגען רעליגעזען מצב אין היגען ב"י וועגען דעם קאָן מען זיך ערקונדיגען ביי הרב ומו"צ ר' נחמן פערקאל שליטא וואָהל 9 און ביי הרב שליטא מקפיוו רינעק

מיט דרך ארץ

אלי' אײַזענבוים.

---

## א לאקאל

איז דאָ צו פערדינגען אויף פיאסקי 29

דער לאָקאַל איז אויך גוט אויף א חדר.

דינגען קאָן מען צו יעדער צייט.

---

## Rutynowany Buchalter

bilansysta, prowadzący również księgowość kartotekową, korespondencję Polsko-Niemiecką zatrudniony obecnie w większym przedsiębiorstwie, chętnie zamieni posadę.

**wiadomość u p.** *Sz. Goldblita*

KIELCE, Czarnowska 8.

---




Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20